

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת בהעלותך

# זיך האלטן קליין

### פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים
כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון דיין טאטע

## פרשת בהעלותך

# זיך האלטן קליין

שימי איז רוהיג געזעצן בשעת דער טאטע האט פארזיכטיג געפירט דעם קאר אויפן שאסיי איבער די געדרייטע וועגן צום קאנטרי. א שיעור פון הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל האט געשפילט אינעם הונטערגרינד. און כאטש שימי האט נישט אלעס פארשטאנען - צומאל ניצט דער רב הויכע לשונות - איז עס נאכאלץ געווען אינטערעסאנט פאר שימי זיך איינצוהערן.

ווען דער שיעור האט זיך געענדיגט האט שימי זיך אויסגעדרייט צום טאטן מיט א שאלה, "איך פארשטיי נישט עפעס, מיר האבן געלערנט אין חדר אז א איד דארף שטענדיג האבן עניוות וואס מיינט זיך קליין האלטן, אבער דא ביי דעם שיעור האט רבי אביגדור געזאגט זאכן ווי, 'מענטשן וואס גלייבן נישט אין באשעפער זענען טיפשים - זיי זענען א דורכפאל...' און אויך האט ער געזאגט אז אויב דו טראכסט פון באשעפער דורכאויס דעם טאג, אפילו נאר פאר איין מינוט, בשעת אנדערע מענטשן פארשווענדן זייער טייערע צייט ביסטו פון די בני עליה, דו שטייגסט זיי אלע איבער.' איך מיין אז די ווערטער קוקן אויס ווי מען האלט זיך גרויס."

"יא שימי, דו פרעגסט גוט," האט דער טאטע צוגעשאקלט מיטן קאפ, "און איך וועל מאכן דיין שאלה נאך שטערקער! אין די וואכעדיגע פרשה זאגט אונז די תורה אז משה רבינו איז געווען דער עניו מכל אדם - ער איז געווען דער גרעסטער עניו, מער ווי סיי וועלכער מענטש וואס איז אמאל געווען אויף דער וועלט! אבער מיר זעען עטליכע מאל אין דער תורה ווי משה האט זיך אויפגעשטעלט קעגן די רשעים און געווען ברוגז אויף מענטשן וואס האבן זיך נישט צוגעהערט צו די רייד פון באשעפער.

ווי אזוי קען מען אנרופן אזא איינעם, "דער גרעסטער עניו איבער דער גאנצער וועלט"?" האט דער טאטע געפרעגט שימי.

שימי האט זיך פארטראכט א ווייל, "אה, איך האב קיינמאל נישט אריינגעקלערט דערין, איז וואס איז טאקע דער ענטפער? וואס איז דער עכטער באדייט פון עניוות?

דער טאטע האט אפגעשטעלט די קאר. "קום מ'גייט, שימי," האט דער טאטע אים גערופן. שימי האט נישט פארשטאנען וואו דער טאטע גייט אבער ער

האט געפאלגט. ביי דער זייט פון דער שאסיי האט זיך געפונען א פאַרם. שימי איז פאלגזאם נאכגעגאנגען דעם טאטן.

אנקומענדיג צום פאַרם האבן זיי באמערקט א קליין אינגל פון בערך פיר יאר אלט, אפשר אזוי גרויס ווי שימי'ס קליינע שוועסטער. דער אינגל איז געזעצן אויפן רוקן פון אן אקס און מיט זיין שטעקן האט ער געוויזן פאר גרויסן אקס וואו צו גיין.

"וואה!" האט שימי אויסגערופן איבערראשט, "די בהמה איז ריזיג גרויס, ער קען צעקוועטשן דעם אינגל אין אן אויגנבליק און קוק וואו ער פאלגט אים ווי א גוט קינד. אזוי שטיל און רואיג טוט ער אלעס וואס דער אינגל הייסט אים!"

"יעצט זאג דו מיר," האט דער טאטע זיך געווענדן צו שימי, "וואלסטו אנגערופן דעם אקס אן עניו? ער האלט זיך קליין?"



"אן עניו?!" פרעגט שימי פארוואונדערט, "ניין, זיכער נישט, ער איז פשוט א שוטה, ער האט נישט קיין שכל, ער ווייסט נישט פון זיין קאפ צו זאגן..."

"פונקט דאס איז עס!" איז דער טאטע מסביר, "אן עניו מיינט נישט אז דו פירסט זיך ווי א נארישע אקס נאכגייענדיג אנדערע מענטשן. אן עניו מיינט נישט אז דו ביסט א שוואכלינג אדער א מעקעלע. אן עניו איז איינער וואס האלט זיך קליין ווייל ער ווייסט שטענדיג

אז ער שטייט קעגן השי"ת. ער פארשטייט אז נישט קיין חילוק ווי חשוב ער איז, איז ער נישטיג קעגן דאס גרויסקייט פון השי"ת.

און דאס מיינט אז ווי מער דו אנערקענסט אין דאס גרויסקייט פון השי"ת אלץ מער עניוות קענסטו האבן. ווייל אפילו אויב דו ביסט דער קלוגסטער אינגל אין כתה, דער בעסטער שפילער פון אלע קינדער, דו האסט די רייכסטע הויז אין גאנצן לאנד, אבער ווען דו שטייסט קעגן דעם גרויסער באשעפער ווייסטו אז דאס אלעס איז א גרויסער 'גארנישט'.

ס'איז אקעי אויב דו ווייסט ווי חשוב דו ביסט - פאקטיש זעען מיר אז שמואל הנביא האט גע'מוסר'ט שאול המלך פאר'ן נישט אנערקענען אין זיין אייגענע חשיבות.

משה רבינו האט פונקטליך געוואוסט ווי חשוב ער איז און ער האט פארשטאנען וואס זיין תפקיד אלס מנהיג פון כלל ישראל איז, אבער ער האט אויך קלאר געוואוסט אז דאס אלעס קומט נאר פון השי"ת. ער האט געניצט זיין גרויסקייט אינאיינעם מיטן טיפן אנערקענונג אין השי"ת, ארויסצוגיין קעגן די ווידערשפעניגער אין באשעפער - נאר ווייל ער איז געווען אן עניו קעגן השי"ת דערפאר האט ער זיך אנגענומען פאר אים!

געוויס איז רבי אביגדור נישט געווען אויף דער מדריגה פון משה רבינו אבער ער האט געוואוסט ווער ער איז און ער האט אויך געהאט א טיפע אנערקענונג אין באשעפער. און ווען מען טראכט שטענדיג פון באשעפער און מען וויל אים דינען דעמאלטס, נישט קיין חילוק ווי א גרויסער עניו דו ביסט וועסטו זיך אננעמען פאר אים. אויב נישט ביסטו נישט קיין עניו נאר ווי אן אקס!

דעריבער, ווען רבי אביגדור האט געזען מענטשן טוען זאכן קעגן דער תורה האט דאס אים זייער שטארק וויי געטון. זיין עניוות קעגן השי"ת האט אים צוגעברענגט צו טון וואס איז ריכטיג און זיך אננעמען פארן כבוד פון באשעפער. ווייל דער עניו קעגן השי"ת ווייסט אז ס'איז גארנישט דא אויסער השי"ת.

א גוט שבת!

הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך
הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א
קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3